# "מגילת אסתר בחרוזים"

א. אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט אַ סְעוּדֶה גֶעטָאן
און דִי קְלֵיידֶער פוּן דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל אָנְגֶעטָאן

ב. עֶר בֶּעט: אַז וַשְׁתִּי זָאל קוּמֶען צוּ גֵיין
און זִי הָאט גֶעֶנְטְפֶערְט: נֵיין

ג. וַשְׁתִּי טוּט גֶעהַארְגֶעט וֶוערְן
אֶסְתֵּר וֶוערְט אַ מַלְכֶּה, טוּעֶן אַלֶע הֶערְן

ד. בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ ווִילְן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּמְבְּרֶענְגֶען
און מֶען טוּט זֵיי אוֹיפְהֶענְגֶען

ה. מָרְדְּכַי אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען
און זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ פַּארְשְׁטַאנֶען

ו. הָמָן ווִיל הַארְגִינֶען אַלֶע אִידְן
און אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן

ז. מָרְדְּכַי הַצַּדִיק טוּט וֵויינֶען און קְלָאגְן
אִידְן טוּט תְּשׁוּבֶה, טוּט עֶר זָאגְן

ח. מָרְדְּכַי וֵוייְנְט מִיט דִי קְלֵינֶע קִינְדֶער
און דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאווִיזְן זֵיינֶע ווּאנְדֶער

גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiyayeda@achiya.org.il

# "מגילת אסתר בחרוזים"

ט. אַחַשְׁוֵרוֹשׁ קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט
וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְטְרַאכְט

י. עֶר הֵייסְט בְּרֶענְגֶען דֶעם סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת
וַוייל אֶפְשֶׁר הָאט עֶר הַאלְטֶע עֲוֹנוֹת

יא. עֶר זָאגְט אָז, הָמָן בַּיים לֶעבְּן
זָאלְסְט פַאר מָרְדְכַי, גְרוֹיס כָּבוֹד גֶעבְּן

יב. הָמָן זָאגְט פַאר מָרְדְכַי: טוּ זִיךְ גְרֵייטְן
אוֹיפְן פֶערְד צוּ רַייטְן

יג. הָמָן וֶוערְט בַּאגָאסְן מִיט שְׁמוּצִיגֶע וַואסֶער
אוּן קוּמְט אַהֵיים אִינְגַאנְצְן אַ נַאסֶער

יד. מֶען טוּט הָמָן צוּ דִי סְעוּדֶה בְּרֶענְגֶען
אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיפְן בוֹים אוֹיפְהֶענְגֶען

טו. מֶען צוּרַייסְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת
וַוייל מְ'הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטָהאן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת

טז. עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שִׂמְחָה פַאר אַלֶע אִידְן
אוּן אַלֶע זֶענֶען שְׁטַארְק צוּפְרִידְן

achiyayeda@achiya.org.il גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו:

# "מגילת אסתר בחרוזים"

יז. דִי חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז גֶעהֵייסְן פּוּרִים צוּ מַאכְן
דִי אַלֶע פַארְשִׁידִינֶע זַאכְן

יח. דִי מְגִילֶה דַארְף מֶען לֵיינֶען
אוּן זַיין בְּשִׂמְחֶה נִישְׁט וֵויינֶען

יט. מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים זָאל מֶען טֵיילְן
אוּן שִׁיקְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת זִיךְ צוּאַיילְן

כ. מֶען זָאל טְרִינְקֶען אַסַאךְ וַויין
כְּדֵי מֶען זָאל פְרֵיילַאךְ זַיין

כא. אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדֶה טוּט מֶען מַאכְן
מִיט אַסַאךְ גֶעשְׁמַאקֶע זַאכְן

כב. פּוּרִים טוּט מֶען זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן
אָבֶּער פַאר הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ דַארְף מֶען גֶעפֶעלְן

כג. מִיר זֶענֶען פְרֵיילֶעךְ, גָאר גָאר
אוּן מִיר נֶעמֶען מִיט דִי שִׂמְחֶה אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר

א פְרֵיילאכְן פּוּרים

גם תוכן זה קיים באחיה ידע - לקבצים נוספים במאגר שלנו: achiya.org.il achiyayeda@achiya.org.il